12 וועמען עס איז געגעבֿן געוואָרן. וואָרום עס זענען
פֿאַראַן סריסים, וואָס זענען אַזוי געבוירן געוואָרן
פֿון זייער מוטערס לייב; און עס זענען פֿאַראַן
סריסים, וואָס זענען מסרס געוואָרן פֿון מענטשן;
און עס זענען פֿאַראַן סריסים, וואָס האָבן זיך אַליין
מסרס געווען צוליב דעם מלכות השמים. ווער עס
קען עס מקבל זיין, דער זאָל עס מקבל זיין!
13 דעמאָלט האָט מען געבראַכט קינדער צו אים, אַז
ער זאָל אַרויפֿלייגן די הענט אויף זיי, און זאָגן אַ
תפילה; די תלמידים אָבער האָבן אָנגעשריגן אויף
14 זיי. ישוע אָבער האָט געזאָגט: לאָזט די קינדער
קומען צו מיר, און שטערט זיי נישט; וואָרום צו
15 אַזעלכע געהערט דאָס מלכות־השמים. און ער
האָט אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף זיי, און איז
אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרטן.
16 און זע, איינער איז געקומען צו אים, און
געזאָגט: רבי, וואָס פֿאַר אַ גוטס זאָל איך טון, כדי איך
17 זאָל האָבן אייביק לעבן? און ער האָט צו אים געזאָגט:
וואָס פֿרעגסטו מיך וועגן דעם גוטן? נאָר איינער
איז דער גוטער! אויב אָבער דו ווילסט אַריינגיין
18 אין דעם לעבן, האַלט די מצוות! זאָגט ער צו אים:
וועלכע? און ישוע האָט געזאָגט: זאָלסט נישט טייטן,
זאָלסט נישט נואפֿן, זאָלסט נישט גנבֿענען, זאָלסט
19 נישט זאָגן פֿאַלש־עדות, זאָלסט אָפּגעבֿן כבוד דעם
פֿאָטער, און די מוטער, און: דו זאָלסט ליב האָבן
20 דיין חבר ווי דיך אַליין! זאָגט צו אים דער בחור:
דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעהיטן; וואָס פֿעלט מיר
21 נאָך? האָט ישוע צו אים געזאָגט: אויב דו ווילסט
זיין שלימותדיק, גיי, פֿאַרקויף דיין רכוש, און גיב
עס צו אָרעמעלייט, און דו וועסט האָבן אַן אוצר
22 אין הימל; און קום, פֿאָלג מיר נאָך. ווי אָבער דער